# אל חנון

אל חנון,

קלײַב אויס אַן אַנדער פֿאָלק

דערװײַל.

מיר זײַנען מיד פֿון שטאַרבן און געשטאָרבן,

מיר האָבן נישט קיין תּפֿילות מער,

קלײַב אויס אַן אַנדער פֿאָלק

דערװײַל.

מיר האָבן ניט קיין בלוט מער

אויף צו זײַן אַ קאָרבן.

אַ מידבר איז געװאָרן אונדזער שטוב.

די ערד איז קאַרג פֿאַר אונדז אויף קבֿרים.

נישטאָ קיין קינות מער פֿאַר אונדז,

נישטאָ קיין קלאָגליד

אין די אַלטע ספֿרים.

אל חנון,

הייליק אַן אַנדער לאַנד,

אַן אַנדער באַרג.

מיר האָבן אַלע פֿעלדער שוין און יעדן שטיין

מיט אַש מיט הייליקן באַשאָטן.

מיט זקנים,

און מיט יונגע,

און מיט עופֿעלעך באַצאָלט

פֿאַר יעדן אות פֿון דײַנע צען געבאָטן.

אל חנון,

הייב אויף דײַן פֿײַערדיקע ברעם

און זע די פֿעלקער פֿון דער װעלט –

גיב זיי די נבֿואות און די יום־נוראָים.

אין יעדן לשון ·פרע·פלט מען דײַן וואָרט –

לערן די מעשים זיי,

די וועגן פֿון נסיון.

אל חנון,

גיב ·פראָסטע בגדים אונדז

פֿון ·פֿאַסטעכער פֿאַר שאָף,

פֿון שמידן בײַ דעם האַמער,

פֿון וועשוואַשער, פֿון פֿעלשינדער,

און נאָך מער געמיינעס.

און נאָך איין חסד טו צו אונדז –

נעם צו פֿון אונדז די שכינה פֿון גאונות.

**Milosrdný Bože**

(Molodowsky, K. „El khanun“. In Der meylekh David aleyn iz geblibn. Papirene brik: Nyu York (New York), 1946, stran 162, s. 3–4.)

Milosrdný Bože,
vyvol si jiný národ
prozatím.
Jsme už unavení z věčného umírání,
nemáme už žádné modlitby,
vyvol si jiný národ
prozatím.
Nemáme už žádnou krev
pro své oběti.
Poušť je naším domovem.
Země je nám hřbitovem,
nezbyly nám už žádné nářky,
už ani žalmy
ve svatých knihách.

Milosrdný Bože,
posvěť jinou zemi,
jinou horu.

Všechna pole a každý kámen
už jsme posypali svým svatým popelem.
Starci
a mladými
a nemluvňaty zaplatili
za každé písmeno z tvých přikázání.

Milosrdný Bože,
pozvedni svůj ohnivý zrak
a pohleď na národy světa –
jim dej proroky a všechny ty hrozné svátky.
V každém jazyce se mumlá tvé slovo –
je nauč dobrým skutkům
i cestám pokušení.

Milosrdný Bože,
dej nám obyčejné šaty
pasáčků ovcí,
kovářů od kovadlin,
pradlen a koželuhů
a ještě více obyčejnosti.
A ještě jednu laskavost nám prokaž:
milosrdný Bože,
sejmi z nás zář své všudypřítomnosti.

## יונה

אפֿילו זיבן מאָל וועסט ענדערן דײַן פֿורעם,
פֿאַרבאָרגן דײַן געביין און דײַן געבינד,
וועט גאָט דיך צייכענען און רופֿן דורכן שטורעם:
"אין נינוה גיי,
און לײַטער זי פֿון זינד!"

מיט פֿאַרשטעלטע אויגן און פֿאַרמעקטן נאָמען
אַנטרינען וועסט נאָך שטילקייט און נאָך רו.
וועט גאָט דיך צייכענען און רופֿן פֿון די תהומען:
"אין נינוה גיי,
און וואָס איך הייס דיר – טו!"

דו וועסט דײַן לשון אויסבײַטן אויף אַנדערע לשונות,

און אויסבריִען אין צונג אַן אַנדער שפּראַך.

וועט גאָט דיך צייכענען און זאַלבן מיט גאונות:

"אין נינוה גיי,

און וואָס איך הייס דיר – מאַך!"

דו וועסט אין גריבער ליגן אַ פֿאַרוואָרפֿענער מיט שטיינער,

מיט ווונד אויף לײַב, מיט בראַנד און פּלאָג,

וועט גאָט דיך צייכענען מיט פֿײַער אין די ביינער:

"אין נינוה גיי,

און וואָס איך הייס דיר – זאָג!"

וועסטו בײַ גאָט זיך בעטן אין געיאָמער:

"פֿאַר וואָס בין איך פֿון דײַן געבאָט דער קרוג?

איך וויל אַן עפּלבוים פֿאַרפֿאַנצן צי אַ תּמר,

צי איז דאָס ניט גענוג פֿאַר יונהן?

פֿאַר גאָר פֿון דײַן גאַשאַף איז דאָס גענוג."

און ס'ענטפֿערט דיר אַ שטים פֿון שטורעם:

"פֿאַרגעס דײַן עפּלבוים, דײַן הויז און רינד,

ביסט אויסדערוויילט פֿאַר רחמים און יסורים.

אין נינוה גיי

און לײַטער זי פֿון זינד!"

**Jonáš**

(Molodowsky, K. „Jojne“. In Likht fun dornboym. Kiyum: Buenos Ayres (Buenos Aires), stran 214, s. 168.)

Změníš se na své cestě až sedmkrát,
svůj původ zamlčíš a svou víru skryješ,
Bůh tě bude vábit, bouří šturmovat:
„Jdi do Ninive
a od hříchů očisti je!“

S očima zavřenýma a jménem smlčeným
ani v tichu, ani v klidu už nespočiň.
Bůh tě bude vábit, volat ze hlubin:
„Jdi do Ninive
a co ti řeknu – čiň!“

Vyměníš svůj jazyk za jazyk cizí,
jiná řeč znít už bude ze tvých úst.
Bůh tě bude vábit, poznání dá ti ryzí:
„Jdi do Ninive
a co ti řeknu – zkus!“

Raněn budeš a sežehnut trápením,
kameny na svém hrobě přikrytý,
Bůh tě bude vábit zrakem ohnivým:
„Jdi do Ninive
a co ti řeknu – říkej ty!“

Naříkat budeš, Boha žadonit:
„Proč džbánem jsem, proč z vůle tvé tak jinačí?
Chci být palmou nebo aspoň jabloní,
což nestačí to pro Jonáše?
Vždyť pro každé stvoření to stačí.“

A odpoví ti hlas z bouře jen:
„Zapomeň na jabloň i na svůj dům i brav,
k milosrdenství a utrpení jsi byl vyvolen.
Jdi do Ninive
a hříchy jejich sprav!“